אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.




זרע שמשון הלימוד שמשפיע ישועות

פרשת ראה תשפ"ו

גליון 480

## אמרות שמשון

### טעם פארוואס דור המדבר האבן נישט געמעגט עסן פלייש

***כִּי יַרְחִיב ה' אֱלֹהֶיךָ אֶת גְּבֻלְךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָךְ וְאָמַרְתָּ אֹכְלָה בָשָׂר כִּי תְאַוֶּה נַפְשְׁךָ לֶאֱכֹל בָּשָׂר בְּכָל אַוַּת נַפְשְׁךָ תֹּאכַל בָּשָׂר*** (יב, כ). ווילאנג כלל ישראל איז געווען אין מדבר איז געווען אסור צו עסן פלייש וואס איז 'חולין'. דאס הייסט, מען האט געמוזט מקדיש די בהמה פאר א קרבן און עס מקריב זיין אינעם משכן, נאכדעם האט מען באקומען די חלקים וואס א ישראל מעג עסן פון א קרבן. נאר נאכדעם וואס מען איז אריין אין ארץ ישראל, איז געווארן מותר צו שעכטן א בהמה און עסן די פלייש.

**מען** קען זאגן א טעם פארוואס 'דור המדבר' האט נישט געמעגט עסן פלייש, [און ווען זיי האבן געבעטן פלייש (במדבר יא, ד), האט זיי דער אויבערשטער געשיקט שְׂלָיו און זיי זענען באשטראפט געווארן]. דאקעגן די שפעטער'דיגע דורות זענען נישט באפוילן געווארן מיט דער איסור.

**וויבאלד** די 'דור המדבר' האט זוכה געווען צו זען און הערן די געטליכקייט פונעם אויבערשטן ביי מתן תורה, וואס דאס האט אריינגעברענגט אין זיי א מורא'דיגע קדושה, און עס פאסט נישט אז נאך זייער טויט זאלן געוועלטיגן ווערים אויף זייער גוף. אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (פרקי דרבי אליעזר פרק מ"א) די מענטשן פון דור המדבר - וואס זענען געווען ביי מתן תורה - האט נישט געוועלטיגט אויף זיי ווערים נאך זייער טויט. און עס שטייט אין חז"ל (אבות פרק ב' משנה ז') 'מרבה בשר מרבה רמה', דער וואס פארמערט צו עסן פלייש פארמערט ווערים נאך זיין שטארבן.

**דעריבער** האט די דור המדבר נישט געמעגט עסן פלייש, כדי עס זאל נישט ברענגן קיין ווערים נאך זייער שטארבן. אויסער פלייש פון קרבנות וואס איז הייליג, און ווערט נישט איבערגעקערט אויף ווערים נאכן טויט, אזוי ווי עס שטייט פון די מקובלים (ראשית חכמה שער הקדושה פרק ט"ו) די עסן וואס א מענטש עסט ביי א סעודת מצוה און סעודות יום טוב ווערט נישט ווערים'דיג נאך זיין טויט. דאקעגן די קומענדיגע דורות וואס זענען נישט געווען ביי מתן תורה זענען יא ערלויבט געווארן צו עסן פלייש. (בהעלותך אות ג' ד"ה יש)

## זיך נישט אפלערנען פון די פארבליבענע גוים

***הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן תִּנָּקֵשׁ אַחֲרֵיהֶם אַחֲרֵי הִשָּׁמְדָם מִפָּנֶיךָ וּפֶן תִּדְרֹשׁ לֵאלֹהֵיהֶם לֵאמֹר אֵיכָה יַעַבְדוּ הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה אֶת אֱלֹהֵיהֶם וְאֶעֱשֶׂה כֵּן גַּם אָנִי. לֹא תַעֲשֶׂה כֵן לַה' אֱלֹקֶיךָ כִּי כָל תּוֹעֲבַת ה' אֲשֶׁר שָׂנֵא עָשׂוּ לֵאלֹהֵיהֶם*** וגו' (יב, ל - לא). בפשטות לערנט מען אז די תורה קומט נאכאמאל אָנוואָרענען איבער דער איסור פון דינען עבודה זרה, (עיין רש"י ד"ה איכה).

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, פארוואס קומט די תורה נאכאמאל אָנוואָרענען איבער עבודה זרה, עס איז שוין דערמאנט געווארן עטליכע מאל אין די פריערדיגע פרשיות.

**אזוי** אויך דארף מען פארשטיין די לשון הפסוק ***אֵיכָה 'יַעַבְדוּ' הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה***, מיט א לשון 'הוה', וואס איז משמע אז די גוים דינען יעצט עבודה זרה. מען רעדט דאך יעצט נאכן פארטיליגן אלע גוים, אזוי ווי דער פסוק זאגט ***אַחֲרֵי הִשָּׁמְדָם מִפָּנֶיךָ***, אויב אזוי וואלט געדארפט שטיין א לשון 'עבר', וואס די גוים פלעגן דינען איידער מען האט זיי פארטיליגט.

**מען** קען ערקלערן, אז אמאליגע צייטן, ווען די גוים האבן פראבירט צו פארבעסערן זייער מזל, האבן זיי אפגעראכטן א טיש מיט עסן פאר דער שטערן 'גַד', כדי עס זאל ווירקן אויף זייער מזל, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיהו סה, יא) ***הַעֹרְכִים לַגַּד שֻׁלְחָן***. (ועיין בב"י יו"ד ס"ס קע"ט בשם רבינו ירוחם, שמיחה באותם אנשים שהיו עורכים שלחן במיני מאכל בליל שלפני המילה למזל טוב של התינוק הנימול, משום דהיינו ממש העורכים לגד שלחן).

**און** די תורה קומט מרמז זיין, אויף די ביסל גוים וואס וועלן פארבלייבן אין ארץ ישראל נאכדעם וואס מען האט פארטיליגט זייער גאנצע פאלק, און זיי וועלן פראבירן צו טון אלעס וואס זיי קענען צו פארבעסערן זייער שלעכט מזל וואס האט זיי באטראפן, און זיי וועלן אפרעכטן א טיש פאר 'גד', כדי צו פארבעסערן זייער מזל, און פראבירן צו בייקומען די אידן.

**אלס** חשש אז די אידן וועלן זיך אפלערנען פון זיי, און וועלן דאס אויך טון כדי צו פארבעסערן זייער מזל, כדי צו פארשטערקערן זייער כח אנטקעגן די גוים, דעריבער זאגט די תורה אז מען טאר עס נישט טון.

**דערמיט** פארשטייט מען פארוואס די תורה דערמאנט נאכאמאל די איסור, און באנוצט זיך מיט א לשון 'עתיד'. ווייל דאס איז די סארט עבודה זרה וואס די פארבליבענע גוים וועלן טון, און די תורה זאגט מען זאל זיך נישט אפלערנען פון זיי. (אות ב' ד"ה ולדידן)




הוצאת הגליון והפצתו לזכות

**לעילוי נשמת**

האשה הצדקנית
**דורה בת אסתר ע"ה**
נלב"ע י"ט תשרי תשפ"ו

עובד ה' ומזכה הרבים
**רבי בנימין בן חביבה יוספה שרה שרוגו זצ"ל**
נלב"ע י"ג טבת תשפ"ו

ת.נ.צ.ב.ה.

**ברכות וישועות**

**חיה בתיה בת בת-שבע**
שיהיה לה רפואה שלימה ובריאות איתנה מלאה ומהירה

**ברוך צבי ניסים בן שושנה לאה**
להצלחה גדולה בכל עסקיו ויזכה שהכלי שעשה יהיה צינור לשפע וברכה בקרוב ממש

**שלמה בן שרה • מיכאל בן פרחה**
לרפואה שלימה והחלמה מהירה ומלאה ואריכות ימים ושנים טובות

**חיים דוד בן עטיא וזוגתו צביה רחל בת רבקה**
שיזכו להצלחה וברכה בלא גבול ומדה פרנסה בשפע מתוך הרחבת הדעת וימלא ה' כל משאלות לבם לטובה

**דבורה בת יטע**
לבריאות איתנה בגוף ונפש

**יצחק מאיר בן טובה חיה • לאה אסתר בת דבורה**
להצלחה ובריאות פרנסה ונחת

**יהודה בנימין בן חוה**
לשפע ברכה והצלחה ועושר גדול בקרוב

**מרדכי בן רחל**
לישועה והצלחה בכל העניינים בריאות איתנה פרנסה בשפע מתוך מנוחת הגוף והנפש בלי שום הפרעות ורדיפות ושיתבשר בשורות טובות בקרוב ממש

**אשר אנשיל דוד הלוי בן נילי**
לשפע ברכה והצלחה בלא גבול בקרוב ממש

**שרה שרון בת סופיה • יוכבד ג'ובנה בת מירב • תמר • אוראל משה בן לימור • שלום בן לילי • רפאל דוד בן נעמי**
שיזכו לזיווג הגון מתוך אושר נחת ושמחה בקרוב ממש

# לקראת האי יומא רבא - ו' אלול

## יומא דהילולא קדישא פון רבינו בעל הזרע שמשון זי"ע

**שטייענדיג** געציילטע וואכן פארן יארצייט פון האי צדיק גאון ונשגב **רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זי"ע**, וואס אונזער דור האט ספעציעל זוכה געווען אז עס זאל אנטפלעקט און פארשפרייט ווערן די הייליגע תורות פונעם צדיק אויף א אויסטערלישע פארנעם, און טויזנטער אידן איבער די וועלט זענען מקושר צום צדיק דורך לערנען זיינע ספרים, און דערביי זענען זיי זוכה צו גרויסע ישועות ברוחניות ובגשמיות.

**אויסער** דעם עצם ענין פון מקיים זיין די בקשה און צוואה פונעם צדיק צו לערנען זיינע תורות, הערט מען זייער אפט די שאלה: "**וואס נאך קען איך טון פארן צדיק?**". צי עס זאל זיין איינער וואס איז געהאלפן געווארן מיט א ישועה און וויל טון עפעס עקסטער לטובת נשמת הצדיק, אדער איינער וואס ווארט געהאלפן צו ווערן מיט עפעס מער ווי געווענליך און וויל טון עפעס מער אז דער צדיק זאל אויס'פועל'ן א ישועה פאר אים.

**די** גדולי ישראל האבן ביי פארשידענע געלעגנהייטן געענטפערט אויף די אויבנדערמאנטע שאלה, וואו זיי האבן ארויסגעברענגט אז דורכדעם וואס מען פארמערט און מען פארשפרייט די תורות אז נאך אידן זאלן לערנען און מקיים זיין די בקשה פונעם צדיק, איז דאס א באזונדערע כח און עס ברענגט אומגעהויערע זכותים פאר דעם וואס העלפט ארויס דערצו.

**שטייענדיג** פארן גרויסן יארצייט ו' אלול הבעל"ט, איז דאס א פאסיגע געלעגנהייט צו נעמען א חלק און זיך משתתף זיין אין די געוואלדיגע פעולות להפצת תורת הזרע שמשון. מיט דעם ווערט איר א פולקומער שותף אין די אומצאליגע פעולות וואס ווערן געפירט דורכאויס דעם גאנצן יאר דורך '**האיגוד העולמי להפצת תורת זרע שמשון**'.

**אנגעהויבן** מיט דער '**היכל הישועות - זרע שמשון**' אין עיה"ק ירושלים וואס פונקציאנירט א גאנץ יאר, וואו חשוב'ע יונגעלייט זענען עוסק בלימוד ספרי רבינו, און עס ווערט דארט פארגעלערנט צענדליגער שיעורים. אזוי אויך '**הדפסת ספרי זרע שמשון**', וואס טויזנטער ספרי זרע שמשון ווערן געדרוקט יעדעס יאר ברוב פאר והדר אין פארשידענע פארמאטן. דער מאסיווער פראיעקט פון '**זרע שמשון המבואר**', וואו יעדעס שטיקל ווערט ערקלערט מיט א זעלטענער קלארקייט און גרונטליכקייט. אזוי אויך די ספרי רבינו וואס ווערן איבערגעזעצט אין פארשידענע שפראכן.




**איבערהויפט** די וועכנטליכע '**גליונות זרע שמשון**' וואס ערשיינען אין עטליכע שפראכן וואס ווערן פארשפרייט אין איבער 26 לענדער ארום די וועלט. '**הקמת שיעורי זרע שמשון**' איבער די גאנצע וועלט וואו אידן לערנען אינאיינעם די ספרי רבינו מדי שבוע בשבוע. דער אלוועלטליכער האטליין '**קול זרע שמשון**' וואס פארמאגט טויזנטער ארויפגעלייגטע שיעורים אין אלע שפראכן. דעם צענטראלן '**מעמד ההילולא קדישא**' און דעם ספעציעלן מרוגש'דיגן '**מעמד שפתותיו דובבות**' וואס ווערט אפגעראכטן בעצם יום ההילולא.

**מיט** אייער קביעות'דיגער נדבה קענט איר האבן א הייליגע שותפות אין אלע אויבנדערמאנטע פעולות, און דערביי זוכה זיין צו א קנין נצח אין אלעס וואס ווערט געטון לטובת נשמתו הטהורה פון רבינו זי"ע.

**אין** די יעצטיגע טעג פארן יארצייט, ווערן די פעולות פילפאכיג פארמערט און פארברייטערט בס"ד, און מיט אייער השתתפות וועט עס ערמעגליכן אז נאך צענדליגע טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט זאלן קענען מקיים זיין די בקשה און צוואה פונעם צדיק, און דערביי זוכה זיין מיט געוואלדיגע זכותים צו די ברכה און הבטחה פונעם הייליגן זרע שמשון:

'וְעֵינֵיכֶם תִּרְאֶינָה בָּנִים בְּנֵי בָנִים כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחַנְכֶם חֲכָמִים וּנְבוֹנִים וּבָתִּים מְלֵאִים כָּל טוּב גַּם עֹשֶׁר גַּם כָּבוֹד לֹא יָסוּפוּ מִזַּרְעֲכֶם, חַיֵּי אֲרִיכֵי בְּנֵי בְּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי וּמְזוֹנֵי טְפֵי לְגוֹמְלֵי חֲסָדִים טוֹבִים'.

## ~ עת רצון הוא לנו בהילולא דרבינו ~ דיין נאמען מוז זיין דארט! ~

**ביי אלע מעמדים וואס ווערט בס"ד פארקומען בעצם יומא דהילולא קדישא וועט מען באזונדער מתפלל זיין און אינזין האבן די נעמען פון די חשוב'ע שותפים לישועה ולברכה. און די נעמען וועלן איבערגעגעבן ווערן פאר גדולי הדור שליט"א וואס וועלן מתפלל זיין לטובתם בשעת'ן לערנען אינעם ספר זרע שמשון.**

## ארץ ישראל 02-80-80-500 • 05271-66450 ארה"ב 347-496-5657

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
ארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו